4 און ווי זיי האָבן אַ בליק געטון, זעען זיי, אַז דער
שטיין איז אָוועקגעקייקלט; וואָרום ער איז געווען
5 זייער גרויס. און ווען זיי זענען אַרייַנגעגאַנגען אין
קבר אַרייַן, האָבן זיי געזען אַ בחור זיצן אויף
דער רעכטער זייט, אָנגעטון אין אַ ווייס קלייד,
6 און זיי האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן. און ער
זאָגט צו זיי: שרעקט זיך נישט! איר זוכט ישוען
פון נצרת, דעם געקרייציקטן; ער איז אויפגעשטאַנען;
ער איז דאָ נישטאָ; אָט איז דאָס אָרט, וואו מען
7 האָט אים געלייגט! (תהלים טז, י.) נאָר גייט, זאָגט
זייַנע תלמידים און פּעטרוסן, אַז ער גייט פאָרויס
פאַר אייַך קיין גליל; דאָרט וועט איר אים זעען,
8 לויט ווי ער האָט אייַך געזאָגט. און זיי זענען
אַרויסגעגאַנגען, און זענען אַנטלאָפן פון קבר;
וואָרום עס האָט זיי אָנגעכאַפּט אַ ציטערניש און
זיי זענען געווען אויסער זיך; און זיי האָבן
קיינעם גאָרנישט געזאָגט; ווייל זיי האָבן מורא
געהאַט.
9 און ווען ער איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי
דעם ערשטן טאָג פון דער וואָך, האָט ער זיך צום
ערשט באַוויזן צו מרים פון מגדלה, פון וועמען ער
10 האָט אַרויסגעטריבן זיבן בייזע גייסטער. זי איז
געגאַנגען און האָט עס דערציילט צו די, וואָס זענען
געווען מיט אים, וואָס האָבן געטרויערט און געוויינט.
11 און ווען זיי האָבן געהערט, אַז ער לעבט און איז
פון איר געזען געוואָרן, האָבן זיי עס נישט געגלויבט.
12 נאָך דעם האָט ער זיך באַוויזן אין אַן אַנדער
געשטאַלט צו צוויי פון זיי, בשעת זיי זענען געגאַנגען
13 אין פעלד אַרייַן. און זיי זענען אַוועקגעגאַנגען און
האָבן עס דערציילט צו די איבעריקע; אָבער אויך
יענע האָבן זיי נישט געגלויבט.